These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

Call no: B. (NS)Cr152

Title: ... Kisheniever pogrom /ferfast fun Yosef Semilsohn.

כותר: ... קישיניעווער פאגראם

Imprint: London : h. mo. l., [19--?]

דפוסת: לאנדון : חמו"ל, [19--?]

Collation: 1 broadside : border design ; 23 x 20 cm.

Notes: Type of broadside: Poem.

הערות: סוג הגליון: שיר. התחלת השיר: ... מערט, פערקלאגט, דאס הארץ האט קיינעם ניט געזאגט, ... קישיניעוו ... הערה: " ... מיט דער מעלאדי פון דר. אלמאסאדה.

Subject: Yiddish poetry - England.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

# ... עװער פאגראם,

...ען ...ט דער מעלאדי פון דר. אלמאסאדא. פערפאסט פון יוסף סעמילסאהן,

דער בעריהמטער װייטער און בדחן פון 24 ארטילערי סטריט, װאלאנס רויד, בעטנאל גרין, לאנדאן, א.
By JOSEPH SAMUELSON, Professional Waiter & Vocalist, 24, Artillery Sr., Vallance Rd., Bethnal Green, E.

1

מערט, פערקלאגט, דאס הארץ האט קיינעם ניט געזאגט,
זז עס װעט פאסירען אזא אומגליק אין שטאט,
װעדער װיים, פון קליין ביז גרויס
ין קישיניעװ װאס געטראפען האט.
ען העלען טאג, אזא אומגליק, אזא קלאג,
קיינער האט זיך גאר ניט פארגעשטעלט,
־י האצאפען און אנגעפאנגען די אידען קלאפען,
...ענדיג אויף דער װעלט
היינטיגען מאל איז דער יאמער גרויס אהן צאהל
די צייטונגען טהיילען אונז דאס מיט,
־וסלאנד די טיראניי, איז נאך אלץ ניט פריי,
דערפאר װייל מען איז א איד.

2

ומיר בעקלאגען, און דערצו קדיש זאגען,
די װאס האבען זיך געזעגענד פון דער װעלט:
־ץ קליינע קינדער, טאטעס מאמעס בעזונדער,
דארויף האט זיך קיינער פא־געשטעלט.
ינדערלאך קליינע, איינע נאך איינע
געװארפען פון די פענסטער ארויס,
־ן די קינד האט געזויגען, פאר די מוטערס אויגען
זיינען אלע פאגראמטשיקעס ארויס,
מעסערס אין די הענד העלפען האט מען ניט געקענט,
װען דער אומגליק האט געשעהן
זעלביגע קינד, װאס האט געזויגען אצינד
גאט װייס װאו זיי װעלען זיך זעהען.

3

ערװאונדעטע זעלען, גאט זאל זיי אלעמען היילען,
אמיר פאר זיי געהן בעטען אין שוהל.
אלע שפעטעלער, און טאנץ זאלען פון בעלער
דארט ליגען פערװאונדעטע פיעל,
־ר שרייט מיין מוח, דער האט שוין קיין כח,
די דאקטוירים זאגען זיי שוין אפ.
די קעפ פערבונדען, מיט יסורים און װאונדען
דעם א האנד, דעם א פוס, דעם די קאפ.
אך, גאט האב שוין רחמנות, אויף די געבליבענע יתומים־אלמנות
װאס דארויף האבען זיי זיך גאר ניט פארגעשטעלט.
אך, גאט! גיב שוין א בליק אויף אונזער אומגליק,
װי דער איד ליידעט אויף דער װעלט.

4

אין קישיניעװער גאסען ליגען גע'הרג'עטע מאסען,
װאס דערקענען קען מען זיי ניט.
מיט אויסגעהאקטע ציינער, צובראכענע ביינער,
די פנים'ער פערפלייצט מיט בלוט.
די שװאנגערע פרויען האט מען ניט געהערט זייערע געשרייען,
װו זיי האבען זיך געבעטען ביים קאצאפ.
זיי האבען זיך ניט געטהון קימערען, געראבירט אלע צימערען
איידער זיי האבען געגעבען דעם קלאפ.
פיר זייערע אויגען, האט מען די צינגער געצויגען
אפ געשניטען די פים מיט די הענד.
מען האט מיט די אויגען געזעהן, װי דער אומגליק איז געשעהן,
אבער ראטעװען האט מען ניט געקענט.

5

פון די קישיניעװער גבירים, פון זייערע אלע עשירים,
װאס האבען געלעבט גליקליך און רייך,
װען איהר קוקט זיי יעצט אן דאס איז ניט דער זעלבער פערזאן,
ער איז יעצט מיט'ן ארעמען גלייך.
ער ליידעט יעצט נויט, חאטש ער איז ניצול געװארען פון טויט,
ער האט מורא ארויסצוגעהן אין גאס.
ער איז יעצט אין נויט, ער װארט אויף די געשטיצטע ברויט
װאס עס איז טרוקען מיט טרערען מאכט ער נאס.
גװאלד, האט רחמנות אויף די אומשולדיגע קרבנות,
שטיצט קישיניעװ װי װייט איהר קענט
די װאס װעלען געבען זאלען לאנג לעבען,
געבענשט זאלען זיין זייערע הענד!

(נאכדרוק שטרייננ פערבאטען.)